# THE SHEPHERD OF ISRAEL

Subscription Price
50 Cents a Year.

JOSEPH HOFFMAN COHN, *Editor*

VOL. XXVIII Nos. 11 & 12
JULY - AUGUST, 1946

# "How God Delivered Me From Hitler's Clutches"

**The thrilling story of how an eager Jewish youth in Germany, seeking rest for his soul, found joy and peace even in the midst of Nazi hate and cruelty**



Rev. Herbert Singer

I WAS BORN in the city of Cottbus, Germany, and brought up in a very strict orthodox Jewish home. My father saw to it that we children observed carefully all the laws and ceremonies of Jewish tradition. When I got up in the morning, I had first to say my prayers before I could have my breakfast; and in order to make my prayers acceptable, I had to put on my phylacteries, and recite from the prayer book the prescribed number of prayers. I did not know why I should do these things nor did I understand the purpose then. I did them in obedience to my father's command.

My parents also saw to it that we children went to the Synagogue regularly, and that on the holiest day of the Jewish year, the Day of Atonement, we fasted all day.

However, as I grew older, I became more dissatisfied. I was longing for real followship with God. I was taught to fear God, but I wanted to love Him.

MY FIRST CONTACT WITH CHRISTIANS

At that time I had a friend, a schoolmate, whose home I often visited. I remember that the family, when they sat down at the table always folded their hands and thanked God, in simple, plain language for the food, and other blessings. I was powerfully impressed by the atmosphere of peace, and harmony in that Christian home. They were talking to God as a child would talk to his father. I desired very much to know God the same way and to pray to Him without a printed prayerbook. Today I know that these dear people were true Christians, and I know that they also prayed for me.

In my friend's home I often heard the Lord's Prayer recited, and since that prayer suited my spiritual need I learned it by heart and prayed it every evening in my bed.

WHAT I EXPERIENCED IN BERLIN

When I was twelve years of age my parents moved to Berlin where I attended high school, and later graduated. Though most of my friends were "Christians" I never again came in contact with real Christianity until I was twenty-four years old.

One Sunday afternoon, as I walked through the streets in Berlin, an invitation card was given to me to attend an evangelistic meeting at the Y.M.C.A., at Wilhelm Street. The subject announced on the card interested me, and so I went. In that meeting I heard about the Lord Jesus Christ for the first time in my life. I was deeply impressed by the message of the evangelist, and I felt that the Lord Jesus was the One who could still the longing of my heart.

After the meeting, a brother, who happened to be a Jewish missionary, came to me. He had noticed me, as I was sitting in the back of the hall, and had recognized me as a Jew. He invited me to accompany him to his home. I felt that I could place my confidence in this brother, and while we were walking to his home, I told him about my longing for peace. I asked him whether he could help me. He pointed me to the Lord Jesus Christ, who alone was able to give permanent joy and peace. When we arrived at his home, we had earnest religious discussions together, after which we kneeled down and prayed to the God of Abraham, Isaac and Jacob, to show me the truth. When we arose I felt wonderfully comforted, and with gratitude I accepted a copy of the New Testament which that dear brother urged me to read.

IN HAMBURG

A short time after I went to Hamburg in order to find a better-paid occupation. Before I left Berlin, the brother, who was a missionary, asked me to see Rev. F., in Hamburg, whose address he gave me. I promised to do so, but first I tried to find work, only to meet with failure wherever I turned. Today I know why. God had other plans for me. Then one rainy day I went to the address of Rev. F. It was a mission. I rang the doorbell, and a Jewish man with a smiling and shining face came to the door and kindly invited me to come in. He led me into a hall where about twenty four young Jewish men were sitting at a long table, each one of them with an open Bible before him. They were all listening attentively to a lecture that was being given by Rev. F. I shall never forget what I saw and heard the first hour of my visit there. There was such a wonderful atmosphere and such a fine spirit in that mission house that I desired very much to be one of those men who were privileged to live in that place. Thus, when the hour was over, I asked Rev. F., the pastor, if he would allow me to stay there, telling him that I was earnestly seeking the truth. To my great joy and gratitude my request was granted; and in February, 1909, I entered the mission. It was called "Jerusalem," and became for me the gate of Salvation in Christ.

I ACCEPT THE LORD JESUS AS MY MESSIAH AND SAVIOUR

Wonderful months I spent in that house into which God had led my steps. Some of the Jewish men whom I met there were already believers, and they could satisfactorily answer all my questions concerning the Messiah of Israel. We had blessed hours of fellowship together. In that Mission house I saw real Christianity. There I studied the whole Bible, the Old and New Testament, and there I became acquainted with the Lord Jesus Christ

## What Say the Rabbis of Messiah?

**Would you like to know why the 53rd Chapter of Isaiah is not read in the Synagogues today and why the Rabbis have eliminated the reading of it from their Sabbath services (Haftora)? Did you know that the Musaf Prayer of Yom Kippur corresponds almost word for word with Isaiah 53? Study this matter for yourself. Send us 5¢ in stamps and we will mail you a copy of our booklet, "An Astonishing Yom Kippur Prayer."**

**The Shepherd of Israel, 236 West 72d Street, New York 23, N. Y.**

Published Monthly, except bi-monthly during July and August, by the American Board of Missions to the Jews. 236 West 72nd Street, New York 23, N. Y.
Entered as Second Class Matter November 20, 1945, at the Post Office at New York, N. Y., under the Act of March 3, 1879.
PRINTED IN U.S.A.

whom I came to admire more and more. Soon I recognized that Jesus was the promised Messiah, of whom Moses and the Prophets had written. About three months after my entrance, I accepted Him as my personal Saviour from sin. My longing was then stilled, joy unspeakable and peace entered my heart. When Jesus became my Saviour, my whole life became new, and I experienced what Paul wrote to the Corinthians: "If any man be in Christ, he is a new creature. Old things are passed away, behold all things become new." On Easter Sunday, 1909, I confessed my faith in Him by baptism, and I shall never forget that day which was the happiest in my life.

MY FATHER CONSIDERS ME INSANE

After my conversion I wrote to my parents and told them of my new found faith in my Messiah. I was very happy and longed to share my happiness with them. But when the answer to my letter came I was very sad. My father informed me that he considered me insane, that I should never write to him or any member of the family again, and that he regarded me as dead. Two years passed. All of a sudden I received a telegram from my father, urging me to come to Berlin. My dear mother was very ill and wanted to see me before she died. I took the next train to Berlin, and when I arrived in my parents' home, my mother was still alive but very weak. She was happy to see me and with tears in her eyes, forgave me and blessed me. I stayed with her to the hour of her death, which came very soon after.

MY BROTHER BECOMES A CHILD OF GOD

My father still refused to talk to me, but I had a wonderful opportunity to speak to one of my younger brothers and to witness to him of what the Lord Jesus had done for me. My brother Fritz seemed to be receptive to the Word of God.

After I had returned to Hamburg I tried again and again to become reconciled to my father. I finally succeeded. Then I asked my father to let my brother Fritz come to Hamburg. To my great joy, permission was granted. My brother came, lived with me at the Mission house; and I had the privilege of leading him to the Lord Jesus Christ. He became a sincere believer and a faithful follower of the Saviour.

Soon after Hitler came into power, Fritz was one of the many thousands of Jews to be thrown into a concentration camp for the only reason that he was born a Jew. I never heard of him again, and I am afraid that he is one of the six million victims of barbarian Hitlerism.

TWENTY NINE HAPPY YEARS OF WORK AMONG MY PEOPLE

Twenty nine years passed in service at the Mission. They were the happiest years of my life. I thank the Lord continually and my dear brother out of the darkness for his gracious leading in bringing me into His marvellous light. I want to spend the rest of my life in His glorious service. In the course of the years, hundreds of young Jewish men came under the preaching of the Word of God. Many of them accepted the Lord Jesus as their King and Redeemer, and a great number of those who came to the knowledge of Christ are now proclaiming Salvation in Christ to Jews and Gentiles all over the world.

I ESCAPE FROM THE HITLER TERROR

Then swiftly began to gather the clouds that soon were to bring the terrible tornados of Hitler's madness. For the Jews life became a never-ceasing nightmare of torture, an endless chamber of horrors. Our Mission house in Hamburg was closed, our work destroyed, and our pastor, then eighty years old, was thrown into a concentration camp.

In this crisis my life and work were at an end. I knew not which way to turn. But the Lord had a way out for me. By a plan that was so remarkable in showing how God keeps His promise—"before they call, I will answer"—I was delivered from Hitler's clutches by the opening of a door and a call to come to America. I accepted the call and came, in 1937, as a fellow-worker on the staff of the American Board of Missions to the Jews. My blessed privilege was the gathering together and the care of the many refugees who came to our doors for shelter—our Jewish brethren who, like myself, had escaped from the lands of Nazi demonism. A good many of these exiles and wanderers have found here joy and peace and eternal life, through faith in our Messiah, the Lord Jesus Christ.

The stream of these born-again Jews grows larger with each succeeding day. May I hope that you who are reading these lines may join yourselves to this increasing host of believers, and so find for each one of you, joy, peace, everlasting life, and forgiveness of sin.

---

## God's Promise to Abraham

If they shall confess their iniquity, and the iniquity of their fathers, with their trespass which they trespassed against me, and that also they have walked contrary unto me; and that I have also walked contrary unto them, and have brought them into the land of their enemies; if then their uncircumcised hearts be humbled, and they then accept of the punishment of their iniquity: then will I remember my covenant with Jacob, and also my covenant with Isaac, and also my covenant with Abraham will I remember; and I will remember the land.

Leviticus 26:40-42.

**AMERICAN BOARD OF MISSIONS TO THE JEWS, Inc.**

236 WEST 72nd STREET
NEW YORK 23, N. Y.

Original work established by Leopold Cohn in 1894



Original Headquarters, Now Our Brooklyn Branch
27 Throop Avenue, Brooklyn, N. Y.

### COME TO OUR MEETINGS

Tuesday 7:00 P.M.—Adult Bible Class

Friday 8:00 P.M.—Gospel Meeting

BIBLE CLASSES FOR GERMAN-SPEAKING JEWS

Monday 8:00 P.M.—236 West 72nd Street, New York, N. Y.

### VISIT OUR MISSIONS

Coney Island, N. Y. 3116 Neptune Avenue. Pittsburgh, Pa.: 5843 Forbes Street. Philadelphia, Pa.: 717 Walnut Street. Los Angeles, Calif.: 2nd and St. Louis Aves. Des Moines, Iowa: 501 College Avenue. Denver, Col.: 1671 Washington Street. Columbus, Ohio: 134 Clinton Heights Avenue. Miami, Florida: 2174 N. W. 57th Street. Montreal, Quebec, Canada: 357 Laurier Avenue West. Hamilton, Ontario, Canada: 39 King William Street.

### What Every Jew Should Know

The following tracts are free for the asking. Each one of them contains important information for every thinking child of Abraham.

- What Is a Christian?
- Was Abraham a Jew?
- Don't Go to Jerusalem
- Son, Remember
- How Many Times Have You Been Born?
- Doctoring a Doctor
- An Open Letter to a Rabbi
- 33 Prophecies Fulfilled in One Day
- An Astonishing Yom Kippur Prayer
- Do Christians Worship Three Gods?
- Let's Hang the Hamans
- The Meaning of the Jewish Holy Days

Address

THE AMERICAN BOARD OF MISSIONS TO THE JEWS, Inc.
236 West 72nd St. New York 23, N. Y.

## איך פאָהר קיין האמבורג

א קורצע צייט שפעטער בין איך געפאָהרען קיין האמבורג צו זוכן א בעסערן פארדינסט. איידער איך בין אָפּגעפאָהרען פון בערלין, האָט מיר מיין פריינד, דער מיסיאָנער, געגעבן די אדרעסע פון פאסטאר פראנק אין האמבורג, און האָט מיך געבעטן איך זאל איהם געהן באזוכן. איך האָב איהם פארשפּראָכן דאָס צו טהון, דאָך האָב איך געוואָלט צוערשט געפינען ארבייט אין האמבורג. אָבער טראָץ מיינע אָנשטרענגונגען צו געפינען ארבייט איז מיינע מיה געווען אומזיסט. אצינד וויים איך פארוואס מיין זוכן איז געווען אָהן ערפאָלג: גאָט האָט אנדערע פּלענער פאר מיר געהאט.

צולעצט האָב איך מיך באדענקט צו געהן צו דער אדרעס וואס מיין פריינד האָט מיר מיטגעגעבן. ס'איז געווען א מיסיאָנ'ס הויז, וואס האָט געהייסן 'ירושלים'. דער אויפזעהער פון דער מיסיאָן האָט מיך אויפגענומען זעהר פריינדליך און מיך אריינגעפיהרט אין א גרויס צימער וואו עס זיינען געזעסן אונגעפיהר 24 אנדערע יונגע לייט ארום א לאנגן טיש. ער האָט מיך געבעטן איך זאל זיך אנידערזעצן. די יונגע לייט האָבן געהאט ביבעלן פאר זיך, און אויבן אָן איז געזעסן דער פאסטאר און האָט מיט זיי געלערנט. אימעצער האָט מיר אויך א ביבעל דערלאנגט, און איך האָב זיך אויך איינגעהערט צו די ווערטער פונ'ם לעהרער. קיינמאָל וועל איך פארגעסן וואס איך האָב געזעהן און געהערט אין דיזער ערשטע שטונדע פון מיין בעזוך אין דער ירושלים מיסיאָן. אזוי וואונדערבאר איז די אטמאָספערע געווען אין דיזעם פּלאץ, און אזא ליבליכער גייסט האָט געהערשט דאָרט אז דער פארלאנג איז געקומען אין מיין הארץ צו בלייבן דאָרט. אזוי ווען די אונטערריכטס שטונדע האָט זיך געענדיגט, האָב איך געבעטן דעם פאסטער ער זאל מיך לאָזן דאָרט בלייבן; איך האָב איהם געזאָגט אז איך וויל ווייטער פאָרשן וועגן דעם טהעמע וואס ער האָט געלערנט. דער פאסטאר האָט דאָס באוויליגט, און אין פעברואר 1909 בין איך איינגעטרעטן אין דער מיסיאָן.

## איך ווער א גלייביגער אין משיח

וואונדערבארע מאָנאטן האָב איך פארבראכט אין דעם הויז וואוהין גאָט האָט מיך געפיהרט. מאנכע פון די יונגע לייט וואס איך האָב דאָרט באגעגנט זיינען שוין געווען גלייביג, און צוזאמען מיט זיי האָב איך פארבראכט געבענטשטע שטונדען פון געמיינשאפט. דאָרט האָב איך געפונען דאָס אמת'דיגע קריסטענטהום. די גאנצע ביבעל האָבן מיר שטודירט אין דער מיסיאָן — דעם אלטן און דעם נייען טעסטאמענט, און דאָרט אויך האָב איך געמאכט די באקאנטשאפט מיט דער פערזאָהן פון ישוע המשיח, וועמען איך האָב געלערנט זעהר צו ליבען און צו בעוואונדערן. ענדליך האָב איך איהם אויך אנערקאנט אלץ מיין משיח און ערלייזער פון זינד — נעהמליך אלץ דעם יעניגן פון וועלכן משה און די נביאים האָבן גערעדט. מיט דעם איז די אונרוה פון מיין הארץ פארשוואונדען און אנשטאט איז גרויסע פרייד און שלום אריינגעקומען.

מיין גאנץ לעבן איז ניי געוואָרן — און איך האָב ערפאהרן וואס פאולוס האָט געשריבן אין זיין בריף צו די קאָרינטיער: 'ווען איינער איז אין משיח ישוע, איז ער א נייע קרעאטור (שאפונג); אלטע זאכן זיינען פארביי; זעה, אלעס איז ניי געוואָרן!"

זונטאג פון פסח 1909, האָב איך באקענט מיין גלויבן אין משיח אין דער טבילה, און יענער טאָג איז געווען דער גליקליכסטער טאָג פון מיין לעבן.

## מיין פאָטער דענקט אז איך בין משוגע געוואָרן

נאָך מיינער באקעהרונג האָב איך געשריבן צו מיינע עלטערן אז איך בין געוואָרן א מאמין א גלייביגער אין משיח. איך בין געווען זעהר גליקליך, האָב געוואָלט אז אויך אנדערע זאָלן געניסן מיין גליק מיט מיר. אבער זייער ענטפער האָט מיך זעהר טרויריג געמאכט. מיין פאָטער האָט געשריבן אז איך בין ארופ פון זינען, און האָט מיר פארבאָטן איהם קיינמאָהל מעהר נישט צו שרייבן, ווייל איך בין פאר איהם און פאר די משפחה ווי טויט.

צוויי יאָהר זיינען אזוי פארגאנגען און איך האָב פון זיי גאָרנישט געהערט. פּלוצלינג איז א טעלעגראם אָנגעקומען פון מיין פאטער, פארלאנגענדיג איך זאל זאָפאָרט אהיים קומען. מיינע ליבע מוטער איז געווען קראנק און האָט מיך געוואָלט זעהן פאר איהרן טויט. איך בין גלייך אָפּגעפאָהרן קיין בערלין.

אָנקומענדיג האָב איך מיינע מוטער נאָך געפונען ביים לעבן, אָבער אין שוין א זעהר שוואכן צושטאנד. זעהר גליקליך איז זי געווען ווען זי האָט מיך ווידער געזעהן, און מיט טרערן אין די אויגן האָט זי מיר פארגעבן און האָט מיך געבענטשט. איך בין פארבליבן אין דער היים ביז זי איז געשטאָרבן.

## אויך מיין ברודער געפינט דעם משיח

דאָך מיין פאטער איז נאָך ברוגז געווען מיט מיר און האָט נישט געוואָלט מיט מיר רידן. טראָץ דעם האָב איך געהאט א וואונדערבארע געלעגענהייט צו ריידן מיט איינעם פון מיינע ברידער, און צו זאָגן עדות צו איהם וועגן ישוע המשיח. מיין ברודער פריץ האָט זיך גוט איינגעהערט צו מיין עדות זאָגן, און מיינע ווערטער האָבן געמאכט א טיפן איינדרוק אויף איהם.

צוריק אין האמבורג האָב איך געמאכט פילע פארזוכע זיך איבערצובעטן מיט מיין פאטער. צולעצט איז עס מיר געלונגען. דאן האָב איך מיין פאָטער געבעטן ער זאל מיין ברודער פריץ ערלויבן צו קומען קיין האמבורג. צו מיינער גרויסן פרייד האָט ער דאָס באוויליגט. מיין ברודער איז געקומען, האָט געוואוינט מיט מיר פאר א ווײלע אין דער מיסיאָן, און איך האָב געהאט די פרייד איהם אויך צו ברענגען צום משיח. ער איז געוואָרן אן אויפריכטיגער גלייביגער אין איהם, און זיין טרייער תלמיד.

באלד נאָך דעם האָט היטלער באקומען די מאכט אין דייטשלאנד. פריץ איז געווען איינער פון די טויזענדע אידישע קרבנות וואס ער האָט אריינגעוואָרפן אין די קאָנצענטרעשאָן לאגערן און אין די אויוועגס, פאר דעם איינציגן פארברעכן ווייל ער איז געבוירן געוואָרן א איד. קיינמאָל האָב איך פון איהם נישט מעהר געהערט אָדער געזעהן. ער איז זיכער געווען איינער פון די זעקס מיליאָן קרבנות וואס די נאצישע מערדערס האָבן פארניכטעט.

## ניין און צוואנציג יאָהר פון גליקליכע טעטיקייט צווישן מיין פאָלק

ניין און צוואנציג יאָהר זיינען פארגאנגען זייט דעם. זיי זיינען געווען די גליקליכסטע יאָהרן פון מיין לעבן. תמיד וועל איך דאנקען גאָט פאר זיין גנאד וואס ער האָט מיך און מיין ברודער געבראכט צום הייליגען ליכט פון משיח. און איך בעט גאָט אז די יאהרן וואס ער וועט מיר נאָך שענקען ער זאל מיך ווייטער האלטן אין זיין דינסט אלץ אן עדות פאר מיין ערלייזער צו מיינע אידישע ברידער.

## פון דייטשלאנד קיין אמעריקא

אין 1936 נאָך פיר יאָהר פון היטלער'ס בארבאריזם אין דייטשלאנד איז דר. יוסף האָפמאן קאָהן געקומען אויף באזוך צו פאסטאר פראנק. ער איז געקומען מיט'ן צוועק צו העלפן די מיסיאָן און די אידישע גלייביגע ווי נאָר מעגליך. אין פארלויף פון דיזן באזוך האָט מיר דר. קאָהן פארזיכערט אז ווען מיין פארבלייבן אין דייטשלאנד וועט אומעגליך ווערן דורך די נאצישע גרויזאמקייטן, זאל איך איהם זאָפאָרט וויסן לאָזן, און ער וועט טהון אלעס מעגליכע מיר צו העלפן.

נאָר א קורצע צייט שפעטער איז דאָס טאקע געשעהן. אונזער מיסיאָנס הויז איז צוגעמאכט געוואָרן, אונזערע ארבייט צושטערט, און פאסטאר פראנק, א מאן שוין פון 80 יאָהר, אריינגעוואָרפן אין קאָנצענטרעשאָן קעמפ. קיין צוקונפט איז געבליבן פאר מיר און פאר מיינע פאמיליע, און דער אנטיסעמיטיזמוס און האס צווישן די דייטשע מאסן איז געוואָרן אימער שטארקער. איך האָב געוואוסט אז עס איז נאָר א פראגע פון א פאָר טעג אָדער וואָכן ווען אויך איך וועל ווערן א קרבן פון די נאצישע טייוואָלים.

אין דיזער גרויסן געפאהר האָב איך געשריבן א דרינגענדען בריף צו דר. קאָהן אין ניו יאָרק, און ער האָט מיר זאָפאָרט געענטפערט אז איך זאָל מאכן אלע די נייטיגע פאָרבארייטונגען צו קומען קיין אמעריקא און צו ארבייטן אין זיינער מיסיאָן — די אמעריקאן באָרד און מישאָנס צו די אידן. אויך האָט ער מיר געשיקט אן אפידעוויט מיט וועלכן ס'איז מיר געלונגען צו קריגן א וויזא קיין אמעריקא.

צוערשט בין איך אליין געפאָהרען — אין 1937; זיבן מאָנאט שפעטער זיינען מיינע פרוי און קינדער אָנגעקומען.

עס איז געווען מיין גרויס פּריווילעגיאום צו העלפן פילע פון די רעפיודזשים וואס זיינען געקומען צו אונזער מיסיאָנס הויז, צו דעם בית שר שלום, און וואס זיינען אויך ענטרינען געוואָרן פון די מערדערישע הענט פון די נאצים. פילע פון דיזע פּליטים האָבן געפונען שלום און צופרידענהייט דורכ'ן גלויבן אין דעם הארן ישוע, אונזערן פארשפּראָכענעם משיח.

דער שטראָם פון דידאָזיגע אידן וואס זיינען אויפ'ם ניי געבוירן געוואָרן אין משיח ווערט גרעסער און גרעסער יעדן טאָג. איך האָף אז איהר אויך וואס לייענט דידאָזיגע ציילען וועט זיך אויך איינשליסן אין דיזער גרויסער צאָהל פון גלייביגע, און אזוי אויך געפינען שלום און פרייד און אייביג לעבן, און פארגעבונג פון זינד.

# ווי אַזוי גאָט האָט מיך געראַטעוועט פון היטלער׳ס גיהנם

אנכי הוא הרעה הטוב
יוחנן י׳ י״א

רעה ישראל
א מאָנאַטליך בלאַט צו ערקלעהרען צו ישראל
דעם אמת׳דינגען משיח

**The Shepherd of Israel**
PUBLISHED MONTHLY TO GIVE ISRAEL A KNOWLEDGE OF THE TRUE SHEPHERD, THE MESSIAH

והקמתי עליהם רעה אחד
יחזקאל ל״ד, 23

Subscription Price
50 Cents a Year.

JOSEPH HOFFMAN COHN, *Editor*

VOL. XXVIII Nos. 11 & 12
JULY - AUGUST, 1946


## ווי אַזוי גאָט האָט מיך געראַטעוועט פון היטלער׳ס גיהנם

איך בין געבוירן אין קאָטבוס, א קליין שטעטל אין דייטשלאַנד, און בין אויפערצויגן געוואָרן אויף א שטרענג-אָרטהאָדאָקסישן אופן. מיין פאטער האָט זעהר אכטונג געגעבן אז זיינע קינדער זאָלן זאָרגפעלטיג אָפּהיטן אלע מצות און מנהגים פון דעם יידישן לעבן. אין דער פריה ווען איך בין אויפגעשטאַנען האָב איך צוערשט גע-מוזט דאוונען איידער איך בין ערלויבט געוועזן צו עסן מיין ברעקפאסט. און אויך פאר׳ן דאוונען האָב איך געמוזט אָנטהון מיינע תפלין, זאָנסט וואָלט גאָט נישט געהערט מיינע תפלות.

איך האָב נישט געוואוסט פארוואס איך האָב געמוזט דאָס טהון; אויך האָב איך נישט פאר-שטאַנען דעם צוועק דערפון; געטהון האָב איך עס נאָר ווייל מיין פאטער האָט מיר אזוי געהייסן.

אָבער, ווען איך בין עלטער געוואָרן, בין איך געוואָרן מעהר און מעהר אונצופרידן דאמיט. איך האָב געביינקט פאר ווירקליכע געמיינשאפט מיט גאָט. געלערנט האָט מען מיט מיר אז איך זאָל מורא האָבן פאר גאָט, אָבער איך האָב געוואָלט נישט נאָר מורא האָבן פאר גאָט זאָנדערן איהם אויך ליבען.

### מיינע ערשטע באַריהרונג מיט קריסטן

צו יענער צייט האָב איך געהאט א חבר וואס איז געגאַנגען מיט מיר אין סקול אריין, און וועמעס היים איך האָב עפטערס באזוכט. איך געדענק אז דיזע פאמיליע, ווען זיי האָבן זיך צו טיש געזעצט, האָבן תמיד צוזאמענגעלעגט זייערע הענט, און געדאנקט גאָט אין איינפאכער שפּראך, פאר שפּייז און פאר אנדערע ברכות. די שטילקייט און די פרידליכע אטמאָספערע פון דעם דאָזיגן היים האָט א געוואלטיגען איינדרוק אויף מיר געמאכט. זיי האָבן גערעדט צו גאָט ווי א קינד רעדט צו זיין פאטער. איך האָב זעהר שטארק געוואָלט קענען גאָט אויף דעם זעלבן אופן, און בעטן איהם אין מיינע אייגענע ווערטער נישט ווי ס׳איז געשריבן אין סדור. היינט ווייס איך אז דיזע פריינדליכע מענטשן זיינען געווען אמת׳דיגע קריסטן; איך ווייס אז זיי האָבן פאר מיר געבעטן.

אין מיין חבר׳ס היים האָב איך אָפטער געהערט דעם „הארנס געבעט — דהי לאָרד׳ס פרייער" (דאָס געבעט וואס דער האר ישוע המשיח האָט געלערנט זיינע תלמידים). און ווייל דיזעס געבעט איז געווען אזוי גוט צוגעפּאסט צו מיינער גייסטליכן נויט, האָב איך עס געלערנט אויסענווייניג און האָב עס געזאָגט יעדע נאכט איידער איך בין געגאַנגען שלאָפן.

### מיינע ערפאהרונגען אין בערלין

ווען איך בין געווען 12 יאָהר אלט האָבן מיר זיך איבערגעצויגן קיין בערלין, וואו איך האָב באזוכט די גימנאַזיע (האי-סקוהל), פון וועלכער איך האָב שפּעטער גראדואירט. כאָטש די מיינסטען פון מיינע פריינד זיינען געווען „קריסטען" בין איך קיינמאָל נישט אין באריהרונג געקומען מיט׳ן אמת׳דיגען קריסטענטהום, ביז איך בין פיר און צוואנציג יאָהר אלט געוואָרן.

אמאָל, א זונטאג נאָכמיטאג, געהענדיג שפּאַצירן דורך די גאסן פון בערלין, האָט מיר איימיצער דערלאַנגט אן איינלאדונגס-קארטע צו קומען צו א קריסטליכער פארזאמלונג. דער טהעמא וואס איז געווען אנאונסירט אויף דער קאַרטע האָט מיך זעהר אינטערעסירט, און איך בין געגאַנגען. צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן האָב איך געהערט אין דעם מיטינג וועגן דעם האַרן ישוע המשיח. די דרשה פון דעם עוואַנגעליסט האָט א טיפן איינדרוק אויף מיר געמאכט; און איך האָב געפיהלט אז דער האַר ישוע איז געווען דער איינציגער וואס האָט געקאָנט ברענגן שלום און רוהה אין מיין האַרץ.

נאָך דער פארזאמלונג, איז א אידישער גלויבינגער אין משיח צוגעשטאַנען צו מיר. א מיסיאָנאר איז ער געווען, וואס האָט געהאט ערפאהרונג מיט יונגע לייט ווי איך. ער האָט מיך באמערקט ווי איך בין געזעסן אליין ביי דער טהיר, און האָט מיך ערקענט אז איך בין געווען א איד. ער האָט מיך איינגעלאַדן איהם צו באגלייטן אהיים. עפּעס אין דעם באנעהמען פון דיזן מאן האָט מיר געגעבן דאָס געפיהל אז איך קאָן איהם פארטרויען. אויפן וועג האָב איך איהם ערקלערט מיין פארלאַנג פאר אינערליכן שלום. איך האָב איהם געפרעגט, וואס זאָל איך טהון כדי דאָס צו דערגרייכן? ער האָט מיר היגנעוויזן אויפ׳ן האַרן ישוע המשיח. ער אליין, האָט ער מיט פארזיכערט, קאָן געבן פאָלקאָמענען און באשטענדיגן שלום אין די הערצן פון די מענטשן.

אָנקומענדיג אין זיין היים האָבן מיר ווייטער דיסקוסירט וועגן דעם דאָזיגן טהעמא און דאן האָבן מיר זיך אנידערגעקניט און געבעטן צום גאָט פון אברהם און יצחק און יעקב, ער זאָל מיר צייגן דעם אמת. ווען איך בין אויפגעשטאַנען פון מיינע קניען, האָב איך געשפּירט א וואונדערבאַר געפיהל פון נחמה אין מיין האַרץ; און מיט דאנקבארקייט האָב איך גענומען פון מיין פריינד, דעם מיסיאָנער, א קאָפּיע פון ברית חדשה (נייער טעסטאמענט) וועלכן ער האָט מיר אָנגעבאָטן פריי, און מיך געבעטן איך זאָל איהם לייענען.


Published Monthly, except bi-monthly during July and August, by the American Board of Missions to the Jews. 236 West 72nd Street, New York 23, N. Y.
Entered as Second Class Matter November 20, 1945, at the Post Office at New York, N. Y., under the Act of March 3, 1879.
PRINTED IN U.S.A.